# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' חקת תשפ"א לפ"ק

גליון קע"ד



## פראגע

**וויאזוי זאלן מיר רעאגירן צום לעצטיגן סקאנדאל פון ישיבות וואס האבן גענומען אומגעזעצליכע געלט פון די רעגירונג?**

## ענטפער:

מיר זאלן רעאגירן דורכ'ן **האלטן אונזער מויל פארמאכט.** דאס איז די וועג וויאזוי צו רעאגירן, ווייל אז נישט מיינט עס אז איר זענט פרייליך צו העלפן פארשפרייטן סקאנדאלן קעגן תורה אידן.

עס איז דא אסאך צו רעדן אויף די נושא – עס איז בכלל נישט קיין פשוט'ע זאך. איך בין בארעכטיגט צו רעדן, ווייל איך האב נישט קיין פארבינדונג מיט קיין איינע פון די מוסדות, און איך וועל אייך זאגן אויפריכטיג אז איך האלט נישט זיי האבן געטון עפעס שלעכט, מיט'ן נוצן רעגירונג פאנדן אויף די וועג וואס זיי האבן געטון.

איר האט רעכט צו מחולק זיין מיט מיר; איך זאג נישט קבלו דעתי, אבער מען דארף נאר זען וואס עס גייט פאר. איך גיי דורך די בעדפארד-סטייוועסענט געגנט און איך זע הונדערטער אינסטיטוציעס, אלע סארט ארגאניזאציעס, יוגנט דעוועלאפמענט, געזעלשאפט דעוועלאפמענט. און אינעווייניג זיצן ליידיגייערס מיט זייערע פיס אויפ'ן טיש; א באנדע ליידיגייערס. זיי טוען גארנישט און זייגן אויס געלט פון די רעגירונג ווי גארנישט וואלט געווען. עס איז מיין געלט! איך זיץ נישט אגאנצן טאג מיט מיין פוס אויפ'ן טיש; איך דארף אויך ארבעטן. מיר אלע ארבעטן פאר אונזער פרנסה. אבער די רעגירונג שיקן ארום אונזער געלט צו אסאך טונקל-הויטיגע ליידיגייערס; פון אלע קאלירן, איבער'ן גאנצן לאנד.

אויב וואלט געווען דער מצב אז קיינער באקומט נישט קיין אומזיסטע פאנדן און עמיצער האט אויסגעכאפט, וואלט מיר געזאגט, "פע! ס'איז נישט גערעכט." אבער יעדער כאפט! פארוואס זאלן מיר נישט כאפן פאר גוטע צוועקן? עס איז אונזער געלט! מיר זענען די וואס פארדינען די געלט, איז פארוואס זאל נישט גיין עפעס געלט פאר אונז אויך? די געלט דארף ענדערש גיין צו אונז ווי איידער צו די ליידיגייערס און קרימינאלן.

נישט נאר צו ליידיגייערס. די געלט ווערן געשיקט איבער'ן ים צו ראטן לענדער. די געלט ווערט פארפאטשקעט. אויסטערלישע סומעס פון געלט ווערט סתם פארפאטשקעט. איר האט נישט קיין אנונג וויפיל געלט ווערט אויסגעגעבן צוליב פאליטיקאנטן וואס זענען גנבים. דאס גאנצע לאנד איז אין א רייסעריי פון פארפאטשקען געלט. איז וויבאלד א קליין טראפ איז אנגעקומען צו נויטבאדערפיגע מענטשן, בני תורה, איז דער רשע, א מסור, אזוי פרייליך צו מאכן א גאנצע טארעראם דערוועגן? ס'איז רשעות!

יעצט, איך זאג נישט וואס זיי האבן יא אדער נישט געדארפט טון. איך זאג נאר: שטייט אוועק דערפון. האלט אייך שטיל! איר ווייסט נישט די מעשה. אויב **איר** וואלט געדארפט אויסהאלטן א קליינע ישיבה און קיינער קען נישט באצאלן א פעני פאר שכר לימוד. בחורים קומען פון אנדערע מקומות, בעלי תשובה קומען און זייערע עלטערן זענען טויט דערקעגן זייער לערנען תורה. די בחורים, זייערע עלטערן וואלטן זיי געגעבן היפענעס געלט אויב זיי וואלטן געגאנגען אין קאלעדזש, אבער זיי גייען אנשטאט דעם אין ישיבה. אדער בחורים וואס לויפן אוועק פון זייערע שטיבער וואו עס זענען דא גוי'אישע שוואגערס און שווענגערינס, און זיי קומען לערנען תורה. און דער ראש ישיבה, אן ארימאן, נעמט זיי אן און ער גיבט זיי צו עסן און ער גיבט זיי א דארמיטארי. איז אויב ער מאכט געלט פון די רעגירונג פאר א טרענירונג-פראגראם, איז וואס? ס'איז א טרענירונג פראגראם. ער טרענירט זיי צו זיין אידן.

אבער די רעגירונג זאגט, "דאס האבן מיר נישט געמיינט; נישט דאס מיינט ביי אונז טרענירונג." איז מיר זאגן, "קוק, האט איר געמיינט דערמיט צו טרענירן קרימינאלן? איר טרענירט רויבער. און געלט ווערט פארטיילט אויף אלע זייטן, איז צו טרענירן

אפאר ערליכע מענטשן איז אזוי געפערליך?" איך קריטיקיר נישט די ישיבה. איך קריטיקיר די קריטיקירער.

ווי געזאגט, איך קען רעדן דערפון ווייל עס האט גארנישט מיט מיר. זאל מען עס טון אדער נישט, דאס איז נישט פאר מיין קליינע קאפ צו באשליסן, אבער וואס מען זאל **נישט טון** איז רעדן דערוועגן. פארגעסט דערפון. און סיי-ווער עס מאכט אויף זיין מויל, קען ווערן פארברענט. הזהרו בגחלתן!

די קליינע מוסדות, זיי טוען א גוטע ארבעט, זיי טוען אלע א גוטע ארבעט און קיינער גיבט זיי נישט קיין געלט. אויב איר וואלט אויסגעגעבן גרויסע סומעס צו שטיצן לאקאלע פלעצער, אפאר קליינע ישיבות וואו בחורים קומען לערנען, בחורים וואס זייערע עלטערן זענען דערקעגן און איר העלפט זיי, דעמאלטס קענט איר זאגן, "איך גיב אייך געלט, און איר דארפט נישט צוקומען צו זיי." אבער אויב אלעס וואס איר קענט געבן איז קריטיק, האלט אייך ענדערש שטיל. (#113)

## פראגע

## וואס איז די בעסטע וועג צו האנדלען מיט מיין קינד, וואס וויל גיין צו א פלאץ וואס דער רב האלט נישט דערפון, ווי למשל די צירקוס אדער א בעיסבול געים?

## ענטפער:

מען גיבט אים עפעס אנשטאט, א שטעל-פארטרעטער. עפעס וואס איז **אביסל מער כשר** ווי די אנדערע זאך. לאמיר זאגן ער וויל גיין צו א צירקוס. אויב איז נישט דא קיין אנדערע וועג, נעם אים צו א בעיסבול געים. אויב וויל ער גיין צו א בעיסבול געים, נעם אים צו די פארק. אויב וויל ער גיין צו די פארק, פרוביר אים צו ברענגען צו א פארברענגען ביי א חסיד'ישע רבי אנשטאט. פרוביר אייביג צו טרעפן עפעס וואס איז אביסל בעסער ווי די זאך וואס ער וויל.

אודאי איז דא זאכן וואס מען וועט אים גארנישט קענען נאכגעבן, אבער אין אלגעמיין זוכט פאר בעסערע זאכן אנשטאט דעם. אסאך מאל א דאלאר, אדער א גרעסערע באנקנאט, וועט דינען אלס א גוטע שטעל-פארטרעטער. עס זענען דא וועגן וויאזוי צו מאכן קינדער צופרידן מיט כשר'ע שפילצייגן און כשר'ע פארוויילונגען. פארשטייט זיך אז ס'איז נישט אייביג גרינג, און עס וועט זיך פארלאנגען אביסל פלאנירונג און פעאיגקייטן, אבער דאס איז די ארבעט פון עלטערן. (TAPE # 319)

## פראגע

## איז עפעס שלעכט מיט'ן האבן א הינטל? עמיצער האט מיר געפרעגט און איך האב נישט געוואוסט וואס צו זאגן.

## ענטפער:

איך גיי נישט ענטפערן די שאלה דירעקט, אבער אין רוב פעלער טוט מען עס אלס אן אופן פון ארויסווייזן א געוויסע פאראייניגונג מיט די סביבה; מיט א געוויסע גוי'אישע צוגאנג פון האבן א הונט. אידן האבן נישט געוועגליך קיין הונט, און מענטשן וואס גלייכן צו גיין מיט א הונט אויפ'ן גאס, אדער האבן א הינטל אינדערהיים, איז עס א צייכן אז זיי ווילן נאכמאכן די גוים ארום זיי.

יעצט, איך פסק'ען נישט קיין הלכות, אבער עס איז אן ענין פון **השקפה** אז מיר ווילן נישט גיין אין די וועגן פון די גוים. איך בין אמאל אריין אין א הויז צו מנחם אבל זיין, און זיי האבן געוואוסט מיין מיינונג, און דעריבער האבן זיי באהאלטן דעם הינטל. איך האב געהערט קרייצן הינטער די טיר! זיי זענען געווען זייער פארשעמט. זיי האבן געוואוסט אז איך בין דערקעגן.

וואס עפעס זאל מען האבן א הונט אין די הויז? עס איז נישט קיין וואַך-הונט; ניין עס איז בכלל נישט פאר באשיצונג. אסאך מענטשן האבן די קליינע הינטלעך – פיצקעלע, האקעלע זאכן – און די הינטלעך אליינס דארפן באשיצונג. די קליינע הינטלעך, סיי-ווער קען זיי געבן א גוטן שטויס און זיי הארגענען. און אפילו א גרעסערע הונט מיינט אין רוב פעלער "איך בין א גוי ווי אלע גוים." דאס מיינט עס באמת אין רוב פעלער. עס ווערט פארערכנט ווי א וועג פון זיך בייגן צו די גוי'אישע סביבה. וועגן דעם זאג איך אז בדרך כלל האלט איך נישט דערפון. (#999)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב